# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים



עקב
תשפ"ב לפ"ק
גליון רל"ג

## פראגע

### ווי ווייט דארף א מענטש גיין פאר שלום?

**ענטפער:**

**מען** דארף גיין ביז די עק פון די וועלט פאר שלום! מען דארף אלעס טון פאר שלום, ווייל שלום מיינט אויסארבעטן אייערע מדות.

**"כל עניני העולם הם נסיונות לאדם"** (מסילת ישרים פרק א') – אלע זאכן אויף דער וועלט זענען געמאכט געווארן צו פרואווען דעם מענטשן. א מאן איז א נסיון פאר זיין ווייב, און די ווייב איז א נסיון פאר איר מאן. זיי זענען געמאכט געווארן צו פרואווען איינער דעם אנדערן.

זיכער זאלט איר לכתחילה זוכן א פרוי וואס וועט נישט זיין אזא גרויסע נסיון... און א פרוי זאל זוכן א מאן וואס וועט איר נישט אויספרואווען אזוי סך. אבער איינמאל איר זענט חתונה געהאט מאכט ביי אייך אפ – דאס איז מיין מצוה, דאס איז מיין נסיון. דאס איז אייער עולם הזה און עולם הבא!

און איר וועט נישט שאדן האבן! א מענטש וואס ווערט נישט איבערגענומען וועט לעבן לענגער. מאכט אפ אין אייער מח אז נישט קיין חילוק וואס – איר זענט חתונה געהאט מיט דעם משוגענעם... און דאס איז עס! זאגט עס נישט פאר אים, פארשטייט זיך... איר זענט ביידע משוגע. דאס איז דער אמת, ביידע זענען משוגע. ער טראכט אז ער האט איר אריינגענארט, און זי טראכט אז זי האט אים אריינגענארט. זיי האבן זיך ביידע אריינגענארט ווען זיי האבן חתונה געהאט.

איך ווייס א פאל פון א מענטש וואס האט געהאט א נערוון-בראך. ער איז ארויסגעקומען פון שפיטאל און האט אנגעהויבן זוכן א שידוך. ווער וועט חתונה האבן מיט א מאן וואס האט געהאט א נערוון-בראך? ענדליך האט ער געטראפן א מיידל. ער האט איר אריינגענארט. ער האט איר נישט אויסגעזאגט. ער האט חתונה געהאט מיט איר. ער איז געווען אזוי פרייליך! נאך די חתונה איז ער געווארן געווארן אז זי ליידט פון עפליעפסיע. זיי האבן זיך ביידע אויסגענארט...

און דערפאר, אייער גאנצע לעבן זאלט איר פרובירן צו פארנארן אייער ווייב. זאל זי מיינען אז איר זענט א וואוילער מענטש. מאכט אייער מאן טראכטן אז איר זענט א גוטע ווייב. פרובירט דאס בעסטע ווייטער אויסצונארן איינער דעם צווייטן א גאנץ לעבן! (#E-147.9)

## פראגע

### ווער זענען די גדולים פונעם היינטיגן דור, ביי וועם מיר קענען מקיים זיין "ובו תדבק", און ווער איז פעאיג אונז צו געבן די אזוי-וויכטיגע מוסר און קריטיק?

**ענטפער:**

**יעצט** הערט גוט אויס. **אייער גדול איז דער רב אינעם קליינעם שול ביים ווינקל פון גאס.**

וועלכע ווינקל? אלע ווינקלען! איר דארפט קומען נאנט צו דעם איינעם, און אים מאכן פאר **אייער רב**. א רב מיינט נישט איינער וואס לערנט אייך וויאזוי צו מאכן בלו-פרינטס, אדער וויאזוי צו נייען קליידער. א רב מיינט א הער, **א באלעבאס**. סיי וואס איר וואוינט; אין קאנארסי, אין פאר-ראקעוועי, אין מאנהעטן... מאכט דעם לאקאלן רב פאר אייער רב, אייער הער.

איך ווייס אז די ווערטער פאלן אויף אומווילענדע אויערן, ווייל אין די היינטיגע דעמאקראטישע ענווייראמענט איז **קיינער** נישט קיין באלעבאס. איר גייט אריין אין א שול און

איר קלאפט דעם רב אין רוקן, "וואס טוט זיך רב?" און דער אמת איז אז איר זענט דער באלעבאס אויף אים, ווייל איר צאלט מעמבערשיפ געלט. עס זענען דא 300 מעמבערס אין א שול; דאס מיינט 300 באלעבאטים, און איין קנעכט... און די לעידיס עקזולערי זענען אויך זיינע באלעבאטים.

ווען איך האב באקומען מיין ערשטע פאזיציע האט מיך איינער פון די פארשטייער פון די קהלה אפגעווארט ביי די באן – דאס איז געווען 43 יאר צוריק – און ער האט מיר תיכף געזאגט וואס איך דארף רעדן ביי מיין ערשטע דרשה, ווייל זיי דארפן געפעלן פאר די לעידיס עקזולערי... איך האב אים איגנארירט. איך האב געזאגט וואס איך האב געוואלט.

דאס איז די השקפה וואס מיר דארפן האבן. אפילו ער איז א שוואכיטשקער, קליינער רב, קען ער דיר אבער אסאך העלפן.

אודאי אויב קענט איר טרעפן איינעם בעסער, און נאך בעסער, און נאך בעסער, אודאי! אויב איינער פון די אמת'דיגע גדולי הדור וועט אייך אננעמען אלס זיין פערזענליכער חבר און איר וועט קענען פארברענגען מיט אים, אודאי! אבער עס איז שווער. במילא לוינט זיך צו נעמען אנווייזונגען פון סיי-וועם. און איך קען אייך גאראנטירן אז דער קליינער, לאקאלער רב ביים ווינקל קען ראטעווען אייער לעבן!

מענטשן זאגן עדות יארן שפעטער אז ער האט זיי געגעבן איין גוטע הוראה וואס האט זיי געשטעלט אין פלאץ אין די ריכטיגע דירעקציע און עס האט געטוישט זייער לעבן. מיר הערן כסדר אזעלכע עדות'שאפטן. וויפיל מענטשן האבן **אלעס פארלוירן** צוליב וואס זיי האבן נישט געהאט קיין רב. זיי האבן פארלוירן זייערע ווייבער, זייער געזונט, זייער ביזנעס, אלעס!

יעצט, דאס אלעס איז אינעם פראקטישן זין, אבער נאכנישט דעם גאנצן אמת. ווייל מיר לערנען יעצט עפעס אנדערש. מיר לערנען נישט יעצט בלויז **"עשה לך רב"** כדי צו מצליח זיין אין לעבן; אודאי וועט עס העלפן, איר וועט אויך באקומען עצות אינעם טאג-טעגליכן לעבן; וויאזוי צו האנדלען מיט מענטשן, אודאי איז עס ווערדפולע עצות.

אבער מיר לערנען יעצט עפעס פיל וויכטיגער. **"עשה לך רב" כדי צו ווערן נאנט צום אויבערשטן**, ווייל אויף דער וועלט איז נישט דא קיין אנדערע וועג, און דאס איז אונזער פונקציע דא, און הקב"ה האט אנטפלעקט פאר אונז **"ובו תדבק"** – זיך צו באהעפטן אין אים דורך תלמידי חכמים.

**פראגע**

## וויאזוי זאלן מיר רעאגירן צו דעם פאקט אז אזויפיל פרומע אידן פאפן מיט די טעקסעס?

**ענטפער:**

**און** וואס מיינט איר טוען די נישט-פרומע מענטשן?! עס איז אזא נארישע פראגע - "פארוואס פרומע אידן?" עס האט גארנישט צו טון מיט די פרומע! אלע אקאונטענטס זענען פארנומען פאר אלע זייערע קליענטן זיי צו שפארן געלט אויף די טעקסעס. זיי טראכטן אויס אלע סארט אויסגאבן. איבער די גאנצע וועלט פאפן מענטשן זייערע רעגירונגען. איך זאג נישט מען זאל עס טון. ניין, איך זאג בכלל נישט אז מען מעג עס טון, אבער יעדער טוט עס במילא. באשולדיג נישט קיינעם אויף א זאך וואס יעדער איינער טוט. איך זאג נישט אז פרומע מענטשן טוען עס אייגנטליך, אבער אויב זיי פאפן אויף טעקסעס זענען זיי נישט די איינציגסטע.

זאג נישט "פרומע מענטשן פאפן." איר קענט פרעגן, "פארוואס פאפן מענטשן איבער די גאנצע וועלט אויף די טעקסעס?" אקעי, דאס איז א פראגע. און דער ענטפער איז – ווייל זיי ווילן נישט דארפן באצאלן טעקסעס... דאס אלעס.

איר מיינט אז די גוים מאכן נישט קיין דריידלעך? רעפארם אידן מאכן נישט קיין דריידלעך? וועקט אייך אויף! עס איז אזוי נאריש. ליידער פאפט יעדער איינער אויף די טעקסעס.

אבער די קשיות פרעגן זיי נאר אויף די פרומע. עס איז אזוי ווי א מענטש האט מיר אמאל געזאגט, "פארוואס זאלן ישיבה בחורים זיצן און לערנען גמרא? זיי דארפן ארויסגיין אויפ'ן גאס און מאכן בעלי תשובה'ס אנשטאט לערנען גמרא!" אזוי האט ער מיר געזאגט.

האב איך אים געזאגט, "לאמיר זאגן דו זעסט מענטשן זיצן און שפילן קארטלעך, וואלסטו צוגעגאנגען און זיי געזאגט – 'פארוואס שפילן ענק קארטלעך? גייט ארויס אויפ'ן גאס און העלפט מענטשן טון תשובה!?' ניין. ווען זיי שפילן זיך האסטו נישט קיין שום טענות קעגן זיי. נאר ווען זיי לערנען תורה דעמאלטס האסטו קריטיק פארוואס זיי לערנען." (E-147#)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com

Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות


דער צווייטער באנד!
פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
ארויס פון דרוק!
מהדורת שלמה
רבי אביגדור
ענטפערט
2
אייגנארטיגע תשובות אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
רבי אביגדור ענטפערט
אידיש!
פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה
דערקוויקט אייער
מח און נשמה!
פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973



בס"ד
שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
וועכענטליך אויף אימעיל
עונג שבת
אידיש
תזריע-טהרה
שנת תשע"ה לפ"ק
נאר אידיש
עונג שבת
לה"ק-אידיש
תזריע-טהרה
שנת תשע"ה לפ"ק
לה"ק אידיש
$4.00
מרגניתין
לקט מובחר מגליונות בלשון הקודש על
פ' שמיני
שנת תשע"ה לפ"ק
נאר לשון הקודש
$1
א וואך
מועדים $3
ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק
זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782
אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

**עונג שבת/גוט שבת** שע"י **מערכת להתענג**

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב